**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/30/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאטיווע פעקל צו באקרעפטיגן קרבנות פון פארברעכנס**

***לעגיסלאציע (S.9359/A.7487) פארברייטערט וועלכע דאקומענטן קענען גענוצט ווערן צו ווייזן אידענטיטעט גניבה אין געוויסע אומשטענדן פארבינדן מיט חובות איינמאנען***

***לעגיסלאציע (S.8975/A.7489) פארברייטערט די בארעכטיגקייט פון קרבנות פון אומגעזעצליכע פארשפרייטונג אדער פובליצירונג פון אן אינטימליכע בילד, אויך באקאנט אלס ׳נקמה פאָרן׳***

***לעגיסלאציע (S.8976/A.7502) פארברייטערט די בארעכטיגקייט פון קרבנות פון די פארברעכנס פון אומפאראנטווארטליכע שטעלן אין געפאר אין דעם צווייטן און ערשטן גראד***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו מחזק זיין קרבנות פון פארברעכנס דער ברייטער פעקל בילס פארברייטערט דאס וואס קוואליפיצירט אלס דאקומענטאציע פון אידענטיטעט גניבה און פארברייטערט די בארעכטיגקייט פון קרבנות פון אומגעזעצליכע פארשפרייטונג פון אינטימליכע בילדער, ווי אויך אומ׳אחריות׳דיגע שטעלן אין געפאר. די בילס וועלן העלפן הייבן קרבנות פון די געמיינע מעשים און זיי געבן די געלעגנהייט צו זוכן יוסטיץ.

״אין ניו יארק גלייבן מיר שטארק אין באשיצן און הייבן אלע קרבנות,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער לעגיסלאטיווער פעקל ערמעגליכט פאר קרבנות וועלכע זענען נישט פיזיש געשעדיגט געווארן צו נאך אלץ באקומען פארגוטיגונג פאר אנדערע ווירקונגען פון פארשידענע ערליי פארברעכנס — נעמען א וויכטיגע טריט צו העלפן קרבנות זוכן די יוסטיץ וואס קומט זיך זיי.״

לעגיסלאציע (S.9359/A.7487) פארברייטערט וועלכע דאקומענטן קענען גענוצט ווערן צו ווייזן אידענטיטעט גניבה אין געוויסע אומשטענדן פארבינדן מיט חובות איינמאנען. די מאטריאלן קענען איצט ארייננעמען פעדעראלע האנדלעריי קאמיסיע און געזעץ אינפארסירונג באריכטן, ווי אויך קרימינאלע און פאמיליע געריכט דאקומענטן. דאס הייבט באשיצונג פאר קרבנות פון אידענטיטעט גניבה דורך פאדערן פון חובות איינמאנער אפצושטעלן איינמאנונג אקטיוויטעטן ביז דאס ענדיגן זייער איבערזיכט פון געוויסע אינפארמאציע. אונטער דעם עקזיסטירנדן געזעץ, מוזן קרבנות פון אידענטיטעט גניבה האבן אויסגעפילט א פאליציי באריכט פאר א חובות איינמאנער אויפצוהערן איינמאנען, און עס איז נישט פאראן קיין אנדערע ברירה אויב א פאליציי באריכט איז נישט אויסגעפילט געווארן. דאס וועט ערמעגליכן פאר מער קרבנות פון אידענטיטעט גניבה צו לייגן די געמיינע שריטן הינטער זיך.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** ״אידענטיטעט גניבה באווירקט אויף ניו יארקער פון אלע שיכטן פון די געזעלשאפט און קען פאסירן צו יעדן פון אונז. אונטער דעם איצטיגן געזעץ, קענען איינמאנער נאך אפשטעלן איינמאנונג אקטיוויטעטן אויב אידענטיטעט גניבה קרבנות גיבן איין א פאליציי באריכט וועלכס דאקומענטירט די באהויפטעטע גניבה, אן קיין אנגענומענע אנדערע צוגאנג. געוויסע

קרבנות וועלכע שפירן זיך מעגליך נישט זיכער מיט׳ן זיך ווענדן צו געזעץ אינפארסירונג צו באריכטן אזעלכע אקטיוויטעטן האבן מער שוועריגקייטן אויפצוווייזן די ריכטיגקייט פון זייערע פאדערונגען. מיין לעגיסלאציע פארברייטערט באשיצונגען אין ניו יארק דורך איצט ארייננעמען פאמיליע געריכט פיילינגס, פעדעראלע האנדלס קאמיסיע (FTC) ID גניבה קרבן פארעם און נאך אלס אנגענומענע דאקומענטן נייטיג פאר איינמאנער אפצושטעלן זייערע איינקאסירונג באמיאונגען ביז עס וועט געפערטיגט ווערן זייער איבערזיכט. דאס צוגעבן די אנדערע ברירות אויף צו פאסיג באריכטן די סארטן בא׳עוול׳ט ווערן איז די ריכטיגע זאך צו טון — און איך דאנק גאווערנער האוקול פאר באשיצן קאָנסומערס דורך גרינגער מאכן דאס באקומען פינאנציעלע פארלייכטערונג.״

**אסעמבלי-מיטגליד טשארלס פאל האט געזאגט,** ״איך אינאיינעם מיט פילע ניו יארקער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך אידענטיטעט גניבה, איבערהויפט פון עמיצן וועמען זיי קענען, דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן היינט מיין לעגיסלאציע. צוגעבן פאר קרבנות, איבערהויפט פון שטוב געוואלדטאטן און עלטערע מענטשן בא׳עוולה׳ען נאך א ברירה צו באריכטן די סארט בא׳עוולה׳ען פאר חובות איינמאנער אפצושטעלן איינמאנען באמיאונגען בשעת אנדערע פאקטארן ווערן גענומען אין באטראכט איז די ריכטיגע זאך צו טון.״

לעגיסלאציע (S.8975/A.7489) פארברייטערט די בארעכטיגקייט פון קרבנות פון אומגעזעצליכע פארשפרייטונג אדער פובליצירונג פון אן אינטימליכע בילד, ווי דעפינירט אין טייל 245.15 פון דעם שטראף געזעץ (׳נקמה פאָרן׳). אונטער איצטיגע געזעצן, אויף צו זיין בארעכטיגט פאר צוריקצאל פאר געוויסע פארברעכנס-פארבינדענע אויסגאבן, מוז מען זיין א פיזיש-געשעדיגטע קרבן פון א פארברעכן. דער ביל ערמעגליכט פאר קרבנות פון אומגעזעצליכע פארשפרייטונג פון אינטימליכע בילדער צו ווערן צוריקגעצאלט. דאס גיבט מער חיזוק און אומץ פאר קרבנות פון ׳נקמה פאָרן׳ שריטן און ערמעגליכט פאר זיי צו מאנען צוריקצאל פאר שאדנס וואס זיי האבן געליטן.

**סטעיט סענאטארקע דזשוליע סאלאזאר האט געזאגט,** ״די בילס פארברייטערן די ליסטע פון פארברעכנס איבער וועלכע קרבנות קענען באקומען פארגוטיגונג דערפאר. דאס העלפט אנפילן דעם חסרון וואס דער פריערדיגע געזעץ האט איבערגעלאזט ברייט אפן. מיר ווילן זיכער מאכן אז קרבנות פון אלע פארברעכנס, אפגעזען צי עס איז געווען פיזישע שעדיגונג צי נישט, זענען באשיצט און פאסיג פארגוטיגט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מאניקע וואלאס האט געזאגט,** ״דער פארברעך פון ׳נקמה פאָרן׳ לאזט איבער הרגש׳דיגע און פסיכאלאגישע וואונדן וועלכע זענען פונקט אזוי פיינליך און אנגעהאלטן ווי די וואונדן געליטן פון ווערן פיזיש באפאלן. די לעגיסלאציע דעריבער ערמעגליכט פאר קרבנות וועלכע האבן געהאט זייערע אינטימליכע בילדער אומגעזעצליך פארשפרייט צו באקומען די זעלבע סערוויסעס און פארגוטיגונג ווי קרבנות פון אנדערע פארברעכנס, אריינגערעכנט צוטריט צו גייסטישע געזונט באראטונג און אויסגאבן פאר זיך אוועקציען. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר איר שטיצע פאר די לעגיסלאציע און פאר באזארגן קרבנות פון ׳נקמה פאָרן׳ מיט די מיטלען זיי דארפן האבן אויף זיך צו ערהוילן.״

לעגיסלאציע (S.8976/A.7502) פארברייטערט די בארעכטיגקייט פון קרבנות פון די פארברעכנס פון אומפאראנטווארטליכע שטעלן אין געפאר אין דעם צווייטן און ערשטן גראד. אונטער דעם איצטיגן געזעץ, צו זיין בארעכטיגט פאר פארגוטיגונג מוזן קרבנות זיין פיזיש געשעדיגט דורך אומ׳אחריות׳דיג געשטעלט ווערן אין געפאר. דער ביל ערמעגליכט פאר קרבנות צו שאפן פארגוטיגונג אן דאס דארפן זיין פיזיש געשעדיגט, וועלכס גיבט מער חיזוק און אומץ פאר קרבנות.

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעניפער ראדזשקומאר האט געזאגט,** ״מיט דעם נייעם געזעץ גיבט ניו יארק סטעיט צו קרבנות פון פארברעכנס די שטיצע זיי דארפן האבן אויף זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס.

קרבנות האבן באדערפעניש‌ן נאך פארברעכנס פון ערנסטע אומ׳אחריות׳דיג געשטעלט ווערן אין געפאר, ווי למשל ווען א שיסער שיסט אבער טרעפט נישט, אדער א קאַר וואס פארט מיט אזא שנעלקייט אז זיי ווערן שיעור נישט דער׳הרג׳עט אויפ׳ן גאס. כאטש די פארברעכנס פאראורזאכן נישט קיין פיזישע שעדיגונג, קענען אבער די גייסטישע און פסיכאלאגישע טראומא זיין די זעלבע ווירקליך און שעדיגן פונקט ווי פיזישע טראומא. מיט׳ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע, נעמט זיך אונזער סטעיט אונטער צו באזארגן פארברעכנס קרבנות מיט די ארומנעמיגע הילף וואס זיי דארפן האבן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418